**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 29.8 מיליאן אין סטעיט פאנדינג פאר אדאפטירונג-פארבינדענע סערוויסעס**

***פראקלאמירט נאוועמבער אדאפטירונג אויפוואכונג מאנאט און דירעקטירט סטעיט לאנדמארקן זאלן ווערן אויפגעלאכטן נאוועמבער 14 צו אויסהויבן אויפוואכונג***

***OCFS טוט צושטעלן אין אווענט אהערשטעלנדיג בראודוועי ארטיסט טא'ניקא גיבסאן צווישן עטליכע אדאפטירונג אויפוואכונג אקטיוויטעטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן נאך 7 מיליאן אין סטעיט פאנדינג צו שטיצן א ברייטע רייע פון אדאפטירונג-פארבינדענע סערוויסעס וואס ווערן פארוואלטעט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) - ברענגנדיג די סטעיט'ס צוויי-יעריגע-אדאפטירונג-פארבינדענע אינוועסטירונגען צו 29.8 מיליאן. די מעלדונג קומט בשעת אדאפטירונג אויפוואכונג מאנאט און די זעלבע טאג ווי די OCFS'ס יערליכע אדאפטירונג אויפוואכונג אווענט, וואס דאס שטעלט דאס יאר פאר בראודוועי און טעלעוויזיע שטערן טא'ניקע גיבסאן - וואס איז געווארן אדאפטירט ביי די עלטער פון 22 און איז יעצט א שטארקער פורשפרעכער פאר אדאפטירונג און קינדער אין פאסטער קעיר.

"די פאנדינג איז א טייל פון אונזער אנגייענדע פארפליכטונג צו ניו יארק'ס קינדער און וועט אונז העלפן צושטעלן פאר מער יונגע מענטשן ליבליכע פאמיליעס און א פלאץ צו רופן זייער היים איינמאל פאר אלעמאל," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלס א מאמע, ווייס איך ווי וויכטיג א סטאבילע, אונטערשטיצנדע הויז איז פאר א קינד'ס פאזיטיווע אנטוויקלונג."

ניו יארק סטעיט האט אויך באקומען 3.074 מיליאן אין פעדעראלע פאנדינג סערוויסעס וואס שטיצן אדאפטירנדע פאמיליעס. סטעיט און פעדעראלע פאנדינג ווערט גענוצט פאר א ברייטע רייע פון OCFS פערמענאנטע איניציאטיוון, וואס נעמט אריין איינשפאנען אדאפטיווע עלטערן; ראיאנאלע פערמענאנטע הילפסמיטלען צענטערן וואס שטעלן צו פאר און נאך אדאפטירונג סערוויסעס און הילפסמיטלען; און שותפות מיט פילע פרייוויליגע אגענטורן און פריוואטע פאונדעישנס וואס שטיצן די באמיאונגען.

גאווערנער האקול האט אויך ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע דעקלערנדיג נאוועמבער נאציאנאלע אדאפטירונג אויפוואכונג מאנאט אין ניו יארק סטעיט און דירעקטירט סטעיט לאנדמארקן צו ווערן אויפגעלאכטן אין ווייס נאוועמבער 14 אין עהרע פון אדאפטירונג אלויפוואכונג.

די היינטיגע אדאפטירונג אויפוואכונג אווענט טוט אויך פייערן אינדיווידואלן וואס העלפן טראנספארמירן קינדער וועלפעיר סערוויסעס דורך צושטעלן זיכערע, צייטווייליגע אנווייראנמענטן פאר קינדער דורך פאסטער קעיר, קינשיפ, קינשיפ און פיקטיוו קין קעיר און אומאפיציעלע אויפציאונג וואס ערלויבט קינדער

צו ווערן ווידער פאראייניגט מיט זייערע פאמיליעס ווען עס איז זיכער פאר זיי צו טוהן אזוי. עס איז אויך א רוף-פאר-מאסנאמען פאר ווארשיינליכע עלטערן צו עפענען זייערע הערצער דורך עפענען זייערע היימען פאר יונגווארג וואס זענען היסטאריש שווערער צו פלאצירן, אריינגערעכנט עלטערע יונגווארג אדער די וואס האבן אייגנארטיגע שוועריגקייטן.

טא'ניקא גיבסאן האט גענוצט איר שטימע צו פורשפרעכן פאר קינדער און יונגווארג אין פאסטער קעיר, ספעציעל עלטערע יונגליכע וואס זענען בארעכטיגט פאר אדאפטירונג.

גיבסאן איז געווארן פלאצירט אין פאסטער קעיר ביז איר פאסטער מוטער איז געשטארבן ווען זי איז געווארן 17. גיבסאן'ס הויך שולע פריציפל, קעטערין גיבסאן, האט ארויגעטרעטן צו קעיר נעמען פון איר. אין ענדע, האבן קעטערין גיבסאן און איר מאן, דעיוויד, אדאפטירט גיבסאן. גיבסאן טוט פארדאנקען זייער ליבשאפט, שטיצע, און מוטיגונג פאר אירן איר שטופן צו נאכגיין איר שפילן און מוזיקאלישע קאריערע.

די אוועגט טוט אויך פייערן די טויזנטער אדאפטירנדע עלטערן אריבער די סטעיט וואס האבן געענטפערט די רוף און האבן ארויסגעטרעטן צו מאכן א לעבנס-לאנגע פארפליכטונג צו ליב האבן און ארומנעמען קינדער אין פאסטער קעיר. אין ניו יארק סטעיט, זענען נאנט צו 9,000 קינדער אין פאסטער קעיר געווארן אדאפטירט זינט 2017. א ווידיאו וואס דרוקט אויס דאנקבארקייט פאר אדאפטירנדע פאמיליעס ווערט ארויסגעשטעלט ביי טרואוועי אפרוה ערטער און ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מאטאר וויקהיקלס אפיסעס דורכאויס די וואכן פון נאוועמבער 13 און נאוועמבער 20.

ביי די עמפייער סטעיט פלאזא, ווערן אינפארמאציע טישן איבער פערמענאנטע פראגראמען און הילפסמיטלען באזעצט אויף עטליכע טעג די מאנאט אין אן אויסשטעל ווייזנדיג א וויזואלע באשרייבונג פון די דורכגאנג פון אדאפטירנדע פאמיליעס אויף אויסשטעל פון נאוועמבער 14-30.

**די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס עקטינג קאמישינאר סוזענא מיילס-גוסטאוו זאגט,** "אין בין אזוי שטאלץ פון וואס מיר האבן עררייכט אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער קעטי האקול צו שטיצן די וויכטיגע סערוויסעס נויטיג צו געפונען פערמענאנטע היימען פאר אלע ניו יארק'ס טייערע קינדער. איך וויל אויך נעמען די געלעגנהייט צו אויסדרוקן מיין הארציגע דאנקבארקייט צו די ניו יארקער וואס האבן געעפנט זייערע הערצער און זייערע היימען פאר קינדער און יונגווארג אין פאסטער קיער דורך ווערן זייערע אדאפטירנדע עלטערן. אלע קינדער פארדינען א היים ווי זיי קענען ווערן געליבט, געשטיצט און געשעצט פאר ווער זיי זענען. בשעת די מאנאט טוט אנערקענען די באשלוס צו לעגאל אדאפטירן א קינד, טראכט איך אז עס איז אייניג וויכטיג צו שעצן די פאמיליעס וואס שטעלן צו פאר קינדער א סטאבילע, עמפאנגנדע היים ווי זיי קענען אויסוועלן אדער קענען, אריינגערעכנט פאסטער קיער, קינשיפ און פיקטיוו קין קעיר און אפילו אומאפיציעלע אדאפטירנגען אדער אויפזעהעניש וואס האלט אן פאר יארן אדער אפילו פאר א גאנץ לעבן."

די געביידעס און לאנדמארקן וואס ווערן אויפגעלאכטן פאר אדאפטירונג אויפוואכונג מאנאט זענען:

- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן

- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייננאנג
- לעיק פלעסיד אלימפישע צענטער
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן